STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11242

IN SHOTN FUN MOYLED

M. Yungman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג די גאלדענע פאווע

יונג-ישראל

I

ביכער־סעריע

יונג־ישראל

I

פאַרלאַג די גאָלדענע פּאַווע

פּאַריז תשי״ד

משה יונגמאן

אין שאטן פון מולד

לידער און פּאָעמען

פּאַריז 1954

מרימען —

באַנטשע שווייג

נאָך ווײנט אין מיר די שטומקייט באַנטשע שווייגס.
נאָך שפּיזט מיך אויף אין ווינקלדיקע הייזער
זיין שטאַרער קוק. און הויקערדיקע ברוקן,
ווי טשערעפּאַכעס שוואַרצע, מעסטן אוים מיין מוח
מיט שאַרנדיקע טריט,
מיט הינט,
מיט פּחדימדיקע טירן...

גיי איך אין גאַנג מיט אים און שווייג מיר אוים אַ גורל.
וועקן מיך אויף פּאַרסאַזשעט־מידע קולות
פון נאָנטער גאַרבעריי. געוויין פון קינדער
און שטעפּן פון מאַשינען אויסגעמישט מיט הוסטן
באַגלייטן מיך אַרוים. איך ווער געבלענדט פון ווייסקייט,
לויף צוריק דורך טונקעלע קאָרידאָרן.
פאַרפּלאָנטער זיך אין שפּינוועבס.
און ווי אַ קראָט מיט קלאַפּעדיקע שלייפן
גראָב איך זיך טיפער איין אין ווענט,
אין טוכלע האָלץ,
אין פּוילנדיקע שאָטנס...

מיך וואַרפֿט מען פֿון די טרעפּ, מיך יאָגט מען פֿון די טירן.
מיט נאַסע פֿליגל פּאַטשט מיר ווילד אין אויער
דאָס וואָרט „לא יוצלח". שאַר איך ביי די ווענט זיך,
געטריבן פֿון מיין אומרו.
טראָג איך אויף זיך מיין שוויַיגעניש — אַן ארון.
און הוק און סטוק און יאָגן פֿון מאַשינען,
פֿאַרקלעמטע צונג און נאָגנדיקע מיאוסקייט
צעברענען טיפֿער אַלץ אין מיר די וואונד,
די דורותדיקע שרעק,
אַז איך בין באַנטשע...

...קאָרטשע איך זיך צונויף און ווער אַלץ קלענער.
זאָל מיאוסקייט פון מיין גוף ניט זיין צו גרויס זיי.
זאָל דערנערדיקער קוק, וואָס בויערט אוים די אויגן,
ניט אָנצינדן אַ וועלט. ווער איך פאַרברענט פאַר ווייטיק...
שפּאַנען אַריבער אויף מיין האַרץ די יאָרן
ווי בלוטיקע אַרמייען. אונטערגאַנג און פיבער.
בין איך אַ גרודע טאָרף צעטראָטענע פון ווילן,
קוק מיט פאַרגלאָזטע אויגן צו די הימלען,
וואָס זענען גלאָז ווי איך. און וויין:
איך וויל צעברעכן זיי,
נאָר ווער אַליין צעבראָכן...

שווייג איך אַרוים פון טאָרף, שווייג איך אַרוים פון קברים.
מיין שווייגעניש צערודערט אָפּגעברענטע כאַטעס
און בערג מיט מענטשיש אַש.
צעעגבער איך די שטילקייט:

זאָל אינעם זכות פון מיין ניט־קענען שרייען
צעפּלאַצט ווערן דאָס אויער פון דער וועלט. פאַרנעמען
זאָל זי איר אייגן אַך און וויי און לשון קריגן
זאָל זי דעמאָלט נאָר, ווען ס'וועט איר וויי טאָן...

קאָן זיין, אַז פון די באָכן שטומע טרערן,
וואָס איך האָב קיין מאָל ניט דערוויינט,
וועט אויפגיין פריידן,
וועט אויפבליען דער צוויט פון שטאָלצע דורות.

די גאָלדענע קייט

ווען עס רייסט זיך איבער אין מיטן די קייט,
פאַלן כורעים דערשראָקענע רינגעלעך.
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

אַ רעש אין פמליה של מעלה: די קייט
איז צעריסן געוואָרן, די גאָלדענע קייט!
און גלעקער אין הימל צעקלינגען זיך.
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

פאַלן שטערן אַראָפּ אין דער לענג, אין דער ברייט,
ווילן באַהעפטן די גאָלדענע קייט,
נאָר די שטערן ווי פונקען צעשפּרינגען זיך.
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

הויערט די קייט פאַרגליוועַרט און שטום,
פאַרלאָשן די שכינה, פאַרגאַנגען די זון.
וואו זייט איר, רינגעלעך, רינגעלעך?
צינגל זיך, פייער, צינגל זיך...

נאָר ווען רינגעלעך וועלן ווי ליפּן פון גאָלד
גענענען מיט אָפּשיי צום ווייטיק וואָס תהומט,
וועט אַ פייער פון ליבשאַפט צעצינגלען זיך,
און די קייט פון דאָס נייַ וועט צעזינגען זיך...

וואַקסט אין כאַטע

א

וואַקסט איין כאַטע, וואַקסט אַ צווייטע,
האָרכן זאַמדן אויף דערפרייטע;
וואַקסט דערנאָך אַרום אַ דריטע —
האָט דער מידבר ניט קיין שליטה.
ווייל עס וואַקסט איר נאָך אַ פערטע,
אַזאַ ווייסע און פאַרקלערטע,
און די פערטע יאָגט אַ פינפטע,
און די פינפטע יאָגט אַ זעקסטע.
נאָר אַז ס׳שפּראָצט אַרום די עקסטע —
ווײַם מען שוין:
ווי דורך אַ כישוף
שטייט אַ שפּאָגל־נײַער יישוב.

ב

אַ ווייסע כאַטע —
אַ האַנט פון אַ פרוי
ווינקט אין דער נאַכט.

מיין וועג גייט פאַרליבט באַרג־אַרויף.

אַ לבנהשע הינד
איבער גראָז, איבער שטיין.
איר שלאַנקער געבויגענער האַלדז
קושט זיך מיט מיינע אויגן...

ג

מיין ליד צו די כאַטעס,
צו די ווייסע, שעפּסענע כאַטעס
וואָס זייערע ווענט — וואָל,
און זייער פּאַשע — לבנה-גראָז...

הוי! לאָמעד-וואָווישע כאַטעס
צוגעטוליעטע צו דעם וואַרעמען בויך פון דער נאַכט
און אַריינגעזייגטע מיט אַלע אברים
אין זיין שטילקייט.
תפילות פאַלן כורעים צו אייערע פּיס
און דאַוועגען זיך היינט אַליין,
דעכער צינדן זיך אָן צו קדוש-לבנה.

מיט וואָסער ניגון זאָל איך אָנצינדן מיין כאַטעדיק ליד,
ווען אַנטלאָפן פון דער צעווערעמטער שטאָט
האָב איך אויסגעשיילט פון זיך אַלע גילגולים
און בין געבליבן
נאַקעט...?

הוי! לאָמעד-וואָווישע כאַטעס...

ד

דו ביסט מײַן הײם
און דו ביסט דאָס ליד פֿון מײַן הײם.
אין דיר האָבן זיך אַלע הבדלות פֿון ײַידעס
צונויפֿגעגאָסן אין אײן געזאַנג.
זײַנען אַלע אַמאָליקע װעלטן — חול,
און דו ביסט — קודש.

פֿלעכטן זיך זילבערנע בערד
אַרײַן אין דײַן בשמים־ליכט,
און לאַנגע װעקסענע פֿינגער
זופּן פֿון דיר אַרוים
די ברכה פֿאַר אַ דור...

... װעלן זיך אַלע גראָזן
אױפֿשטעלן אױף שפּיץ־פֿינגער.
און אױך איך װעל אַ גראָז זײַן
אױסטונקען די אױגן
מיט דײַן הײליקן װײַן,
װאָס גיסט זיך
גיסט זיך
גיסט זיך
אין דער בלאָער נאַכט אַרײַן...

ה

אַט איז אַ כאַטע.
אַנגעטאָן אין שטערן,
אויסגעטאָן פון אַלע שטויבן
וואָס פּאַרטונקלען דיר האַלב-גראָ, האַלב-שוואַרץ דעם האָריזאָנט.

דו גייסט אין איר אַריין,
דו קומסט פון איר אַרויס —
און דו ביסט ווייסער.

הילכיק קלינגען אין איר אָפּ
דיינע אָפּצאַסן.

די שייבלעך זיינען נידעריק,
אָנגעגאָסענע מיט גלאַנץ.

אַלע טירן שמייכלען צו דיר אַראָפּ,
וויקלען דיך איין.

ווערסט גרעסער...

ו

הוי, איך דער קעניג
פון מיין ווייסער כאַטע.

מיין אַלטן, פאַרשטויבטן בגד
האָב איך אויפגעהאַנגען אויף אַ טשוואָק —
און דריי זיך איצט אַרום אין פראַנק־און־פרייקייט.
דורכזיכטיק זיינען אַלע טירן,
אַלע ווענט;
מיט העלע אויגן ברען איך אויס די גשמיות
און זע מיין גוף
און זע דאָס בלוט וואָס צאַפּלט אין אים אויף און אָפּ
ווי רויטער וויין —

הוי,
איך דער קעניג פון אַ ווייסער כאַטע אויף דער וועלט:
לחיים!

מיינע הענט

מיינע הענט, מיינע הענט, מיינע ווייסע פון תפילה טאָן —
כ׳וועל זיי אויסשטרעקן הינטער קעגן שונא ווי שפּיזן צוויי;
כ׳וועל זיי אויסשפּרייטן ברייטע, פאַרקלעמטע ווי טויערן —
צו פאַרשטעלן מיין לאַנד פאַר די אויגן וואָס לויערן...

זאָל געבענטשט זיין די פרוכט אונטער לייב טשערעפּאַכענעם
און די פּערל וואָס צייטיקט זיך שטיל אונטער וואַסערן;
כ׳וואָלט פאַרלעשן די זון איבער יעדער באַהעלטעניש,
וואו מיין גוף איז צו שוואַך, איז צו קליין — און פאַרשטעלט זי ניט.

דער שונא, דער שונא! מיט שיך זיבנמייליקע!
ביי אונדז זענען שטיינער אַ סך דאָ פילקאַנטיקע,
און הענט וואַקסן ווילדע אַרוים, שווער געקאָוועטע,
צו דער הילף פונעם לאַנד — דאָס מיט שוויים אויפגעכאָוועטע...

נייער צווייט

ביסלעכווייז ווערן די הויטן פֿאַרברענט,
שיילן זיך אָפּ ווי די צעשפּרונגענע ווענט,
שיילן זיך אָפּ און פֿאַלן אַרונטער
און לאָזן מיר איבער אַ פּנים פֿון צונטער.

נאָר אונטער דעם צונטער איך פֿיל, ווי עס בליט
און פּיקט זיך אַרויס אַ באַהאַלטענער צווייט.
קוק איך זיך איין: צווישן וואונדן און קאַרבן
ער וואַקסט און ווערט גרעסער, גיסט אָן זיך מיט פֿאַרבן.

וואַקס איך אַרויס פֿון די הויטן פֿון צונטער
אַ פֿריילעכער, נייער און ווידער געזונטער...

סוד

װעל איך אין יעדער קערנדל אַרײַנגעבן די דרייסטקייט
פֿון שטרעקן זיך צום ליכט און זאָגן: כ׳בין;
און יעדער תּפֿילה פֿון אַ גרעזל — כאַטשע גרין —
די שׂימחה פֿון ניצחון איבער ווייסקייט...

ווייל וואָס איז תּפֿילה פֿון אַ גרעזל, וואָס באַווייזט זיך,
און וואָס דער סוד פֿון שטרעקן זיך צום ציל?
ס׳איז בלויז דער פֿרילינג-ניגון פֿון דער ערד, וואָס וויל
די גאַנצע וועלט דערוועקן פֿון פֿאַראײַזטקייט...

...ווען טיף אין טאָלן הויערט נאָך די גרייזקייט
און מאָנט מיט דאַרע פֿינגער יום-הדין —
דאָן שטייגט פֿון גראָען באַרג אַרויס אַ הייזקע,

שפּראָצט אויך אַ קערנדל אַרויס פֿאַרשעמט און דין.
און ס׳הודיען זיך פֿונאַנדער ווייסע שליאַכן
מיט תּפֿילה פֿון דער ערד אויף אַלע שפּראַכן...

משיח

גאַסן האָבן אויכעט אויגן:
קוקן זיי פּאַר נאַכט אַרום און קוקן
מיט אַ גלאַנץ אויף פּיבערדיקע ברוקן:

ווערט אויף זיי אַ מאָל משיח
אָנקומען צו רייטן מיט זיין סוויטע,
מיט געזאַנג און פּנימער צעגליטע?

שטיל... אויף טונקעלן ברוק פון גאַסן
שלעפּן צוויי תּימנער בלינדע זיידעס
שווערע בינטלעך טרוים צו די עקדות...

אָדע צו דער קו

א

טראָג איך מיין מילך־לבנה אין אָפּענעם עמער,
הענגט אַ צווייטע אויף שפּיץ פון אַ בוים — אָבער מיינע איז שענער.

מיינע האָט פרישקייט פון טוי, זיסקייט פון בלומען
און וואַרעמקייט קלאָרע אין זיך פון פּאַרטאָגיקע זונען;

מיינע איז הימל און קוואַל, און לאָנקע, און גאָרטן,
מיינע איז פרי און איז שפּעט — איז הי און איז דאָרטן;

מיינע איז שוויים און איז בלוט, און איז האַרץ, און איז לעבן,
און זאַטקייט פון אָפענע הענט און שטילקייט פון געבן.

טראָג איך מיין מילך־לבנה אין אָפּענעם עמער,
הענגט אַ צווייטע אויף שפּיץ פון אַ בוים — אָבער מיינע איז שענער.

אָט וועל איך זי באַלד אין בייכיקע קאַנען צעטיילן,
זאָל זי וויגל און ווינטן און וועלט פון איר וואונדער דערציילן.

ב

שווערע, מיט ריזיקע שאָטנס אויף אַקסלען,
טראָגן מיר מנחות אַנטקעגן דער נאַכט, ווי כהנים,
פון שוויים און בהמישן מיסט — און עס סקריפּען די עמער...

הוי! ניט מער קיין כעלעמער ווייסע לבנות ווי רענדלעך
מיר האָבן בסתר געכאַפּט און פאַרדעקט מיט קאַפּאָטעס
און אויך ניט מיט ציצות און שטריק זיי צום דנאָ צוגעבונדן —

מיר האָבן היינט מילך אין עמאַלענע עמערס צעצונדן!
עס זאָל זיך ווי באַלזאַמיק פייער אין הערצער צעגיסן
און אָפּמעקן טרויער אין אונדז וואָס ער גליט אין דער פינצטער...

ג

דאָס איז די תפילה צו שטאָלן אין אָוונטן בלאָע,
די תפילה וואָס האָט אין מיין האַרץ יאָרן לאַנג זיך געצייטיקט,
די תפילה פון שפע און ליכט און בהמישער נאָנטקייט.

זאָל זי אַ וועגווייזער זיין פאַר דעם פּוס אינעם בלאָנקען;
פאַר אויג, וועלכע זוכט אין דער נאַכט און געפינט ניט קיין אָנהייב.
פאַר פרויען מיט מורא אין הענט און ניט־זיכערע מענער.

זאָל זי דערוועקן די בענקשאַפט מיט קלינגען פון עמער,
מיט שנירעלעך ליכטן, וואָס פערלען אַרוים פון די אייטערס,
מיט שטילקייט פון שטאָל און מיט סאַמעט פון בהמישער בלענדקייט.

געזאַנג וועגן ל״וו קי

א

...אַרויסטרייבן כ'וועל מיינע קי פון די נאַכטיקע שטאַלן.
הוי, מיינע ל"ו קי מיט די זילבערנע שטערנס,
גענוג שוין געדאַווענט אין שלאָף און די זון מעלה-גרהט!

גרינג זאָלן זיין אייך די פיס, ווען מיט אייטער-לאַמטערנס
אַרויסשפּאַנען שווער אין דער וועלט וועט איר היילונג צו טראָגן,
גרינגפיסיק פּאַר פרייד און שווער פון ווייסקוואַליקער ברכה.

נאָכיאָגן כ'וועל מיט מיין הארץ אייך פון שכן צו שכן,
קלאַפּן אין טירן און וועקן ווי להבדיל צו סליחות:
יידן, שטייט אויף פונעם שלאָף, געקומען משיח איז!

שפּאַנט, מיינע קי, אין דער וועלט, טראָגט אַרום אייער שליחות
פון ליכטיקע אייטערס מיט מילך און פון גוטסקייט אין אויגן;
טראָגט אַרום אייער ווייסקייט ביי נאַכט, פריש געזאַלבטע מזלות.

פול מיט גנאָד אייער געבן זאָל זיין, פול מיט גליק אייער גלות.
הוי, מיינע זילבערנע קי, ווען דער שטערן פון צפון
פערלט אַריין אייער ליכט אין די כאַטקעס וואָס שלאָפן...

ב

פֿאַרמאַכט ניט די טירן פֿאַר מיר, לאָזט אַריין, טאַטע־מאַמע!
אַ גלעזעלע מילך כ'האָב געבראַכט אײַך, אַ גלעזל לחיים,
אַ רפֿואה שלמה געבראַכט, אַ נס משמים.

זאָלן קינדער פֿאַרזוכן דעם טעם און די גוטסקייט פֿאַרדייען:
ראָזשינקעס זיסע מיט מאַנדלען אין איר כ'האָב באַהאַלטן
און אַ ציגעלע לויטער ווי שניי פֿון אַ כּשוף אַן אַלטן.

ווען קנייפּן וועט ווינט דורכן דאַך און דורך דינעם געוואַנטל,
זאָלן קינדערלעך דריקן צום האַרץ זייער גלעזל מיט ווייסקייט
און זופּן פֿאַמעלעך די פֿרייד פֿון אַ כאַטע — אין וויגל.

וועט קומען אַ מלאך צו גיין מיט אַ זילבערנעם פֿליגל,
איינוויקלען גופֿל וואָס פֿרירט מיט זײַן וואַרעמען מאַנטל,
אויפֿהייבן גרינג אים מיט זיך און אין חלום באַהאַלטן.

ג

גוט איז אַ ביימל צו זיין איינגעגדרט אין ליבשאַפט,
גוט איז אַ בלימל צו זיין איינגעזשווזשעט פון בינען,
גוט איז אַ לענדל צו זיין וואָס הייבט ערשט אָן צו גרינען.

פינקלט קאַיאָריק דאָס פעלד מיט רובין־אַנעמאָנעס,
שמייכלען אַנטקעגן פאַרשעמטע, פאַרליבטע נאַרציסן:
זיי זיינען צו קליין נאָך די גרויסקייט פון וועלט צו באַגריסן.

גליטשן ריטשקעלעך גאָלד זיך אַראָפּ פונעם באַרג, וואו צעווישן
טאָפּאָליעס און טרויבן און טוי לאַכן זילבערנע שטיבער,
וואַרפן אום זיך מיט שוועלבעלעך ליכט און ווינקען זיך איבער.

זע, אַ וועוועריקל היפּערט אַרום שוין אין צווייגן — אַ גיבור,
פאַרריסן דעם עק און דעם האַלדז מיט אַ גנבישער מינע.
זע, משיח־פערדלעך קריכן אַרום שוין בשליחות השכינה.

ד

אַרײַנקלינגען יעדן קאַיאַר כ׳וועל מיט אײזל און קאַנען,
ברייטבייניק צעגלאַנצן אין זון מיט אַ שמייכל פון רעדער,
מיט צווויטש פון אַ דאָרף־וואָראַביי און מיט פייכטקייט פון גראָזן;
גוט־מאָרגן אײַך, ווינדלען אין ווינט, אײַך געצעלטן ווי האָזן!
אײַך, שטיבלעך פון פינקלדיק בלעך מיט ווייסבאַקיקע טירן!
גוט־מאָרגן אײַך, היימישע בערג, און אײַך, פעלדער — גוט־מאָרגן!

דאָס ליכט פון אַן אַנדערער וועלט איך האָב איצטער פאַרבאָרגן,
אין בייכיקע קאַנען צעטיילט און געבראַכט אײַך צו פירן
מיט אײזל און גלעקל און זון, צו געזונט איר זאָלט טרינקען.

טרינק, זומערדיק־זילבערן דאָרף, טרינקט, פעלדער צעגרינטע!
טרינקט, קינדער פון ווייטן קאַטשין, פון איראַק און פון הודו!
טרינקט — אויגן פון פלינקער גאַזעל און תימנישע ליפּן!

ה

אַריינזייגן כ׳וועל זיך אין אייך מיט די אויגן און לעפּצן,
ווייסע געצעלטן, ביי נאַכט ווי אין בוזעם פון מאַמעס,
טוליען און טוליען מיין קאָפּ צו די זיידענע קישנס.

הוי, ווייסע געצעלטן ביי נאַכט, פון אָדרם און ניסנס,
ווען מילכוועג צעשפּרייט זיך אויף וועלט ווי אַ זילבערנע חופּה
און מיין האַרץ ווערט אַ חלק פון איר אָנגעזויגן מיט תאווה.

פריש ווי דער טוי אויפן גראָז וועל איך ווערן און פריי ווי
דאָס ווינטל, וואָס פּלאַטערט אַרום צווישן ליכטיקע צווייגן,
תאווהדיק, פריילעך און פריי און פאַרליבט אין מיין פרייקייט.

העל קלינגען מיין קאָפּ זאָל פאַר פרייד און פאַר דולער פאַרשייטקייט.
ווען אַרומנעמען כ׳וועל די געצעלטן, אַ שיכורער בורא,
און מיט גליווערעם קליינע אין פעלד וועל׳מיר טאַנצן אַ הוירא.

לידער פון כפר עופר

א. אין די אַפּלען פֿון פֿאָלק

כ׳וועל קוקן אַריין אין די אַפּלען פֿון פֿאָלק און וועל זען זיך,
הוי! אין יעטוועדן ציטער פֿון אויג ווי אַ גילגול כ׳דערקען זיך.

אַפּלען: פֿון ליבשאַפֿט אַ ים און איך בין זייער תמצית,
אַפּלען: ווי טראָפּנס פֿון טוי און מיין פֿרייד זייער גלאַנץ איז.

קנייטשט זיך מיט פֿאַלדן פֿון שרעק אויף אַ רגע מיין שטערן,
נעמען די אַפּלען פֿון פֿאָלק מיך אַריין ווי אַ פּערל.

נעמען די אַפּלען פֿול זאָרג מיך אַרום און פֿאַרשטעלן
ווי אַ מאַמע איר איינאיינציק קינד, ווי דער ים זיינע קרעלן.

קוק איך אַריין אין די אַפּלען פֿון פֿאָלק און איך שמייכל:
ווי לאַנג כ׳האָב געוואָגלט אַרום, ניט געקאָנט אייך דערגרייכן!

היינט שטרעק איך די הענט מיינע אויס, בלויז אַ ריר מיטן נאָגל —
און שוין איז מיין פּנים אין אייך ווי אין זילבערנעם לאָגל.

שוין איז מיין פּנים אין אייך און עס ווערט מיר נתגלה:
היינט זענען אַלע אין מיר און אויך איך בין אין אַלע...

ב. דאָס ליד פון אַ שואב־מים

ווייל איך זיין אַ שואב־מים
טראָגן עמערס אויף קאָראָמיסל
טראָגן עמערס אויף קאָראָמיסל;
איידער רויטע זון וועט אויפגיין
וועל איך צו דעם טאָל זיך לאָזן
מיט די עמערס אויף קאָראָמיסל,
מיט אַ האַרץ פון שואב־מים
צו דעם קלאָרן קוואַל זיך בוקן,
פלינקייט אין די הענט זיך שפּייען,
און ווען אַלע וועלטן שלאָפן,
וועל איך שעפּן מים חיים;
מים חיים — מאָרגנשטערן,
זילבערטווי און מאָרגנשטערן,
זאָל די וועלט דערמונטערט ווערן —
מיט די עמערס אויף קאָראָמיסל,
מיט אַ האַרץ פון שואב־מים,
וואָס פאַר פולקייט גייט עס איבער...

ג. כפר עופר

פאַר דיר, כפר עופר,
שעפּן אַלע שואבי־מים
זייער וואַסער —
נאָר דו בלייבסט דאָרשטיק;
און אַלע חוטבי־עצים —
האָבן פאַר דיר
נאָך קיין דאַך ניט אָנגעגרייט;
און די משוררים —
פון צו פיל אָנטאָן דיך אין זייד —
האָבן געלאָזט דיך נאַקעט...

שלאָפן אין דיר די שטיינער
פון סמבטיון
און האַלדזן זיך
מיטן שופר המשיח —
ווער וועט פריער אויפשטיין?
זיינען אין ליכט פון דער לבנה
אַלע דיינע אייזלען ווייס
און אַלע דיינע סטעזשקעס — זילבער;
נאָר גרין ווי מאָך
בליען די רינשטאָקן אין דיר,
און דערמאָנען, אַז דו ביסט
גשמיות...

שאַרן קינדער שטיקער גאָלד
אַראָפּ פון דיינע כאַטקעס
און באַהאַלטן זיי
אין זייערע אויגן —
ווײַס מען דערנאָך,
אַז אויך שטערן זענען שוואַרץ.
אָבער אַ סך האַלטן
אויך די לאַמטערנס פאַר גאָלד,
ברענען דערפאַר זייערע אויגן
רויט און געשוואָלן —
איז דאָס דער סוד
און די אַנגסטיקייט
פון טראַכאָמע...

פילן דיינע מענער
דעם טעם פון סוף,
און דיינע ווייבער
די פּיינען פון אָנהייב.
פלאַטערן ביי טאָג דיינע ווינדלען
ווי האָפענונגען.

נאָר פאַר נאַכט,
ווען דו נעמסט זיי צונויף,
קרעכצסטו אין כאָר מיט אַלע
דיין אומעטליד:
ווי לאַנג —
ווי לאַנג
וועט געדויערן אונדזער בראשית...

איז דיין שטילקייט
אַזוי ווי דיין נאָמען —
אַ הינד;
און דיין בייזקייט —
אַ סאָווע
וואָס פּאָכעט אַרום צווישן חורבות.
אָבער ווען די נאַכט וויקלט דיך איין
און דו האַלטסט אויף מיט דיינע
צען צאַנקענדיקע ליכטלעך
דעם מבול —
מיט וואָס זאָל איך דיך דעמאָלט פאַרגלייכן,
כפר עופר?...

ד. וואַסער

קרייעט אין כפר עופר
דער האָן פון דלות;
ליגן חמורים מיט די פיס אַרויף
און דריגען דעם גורל;
און בלעכענע כאַטעס
עסן שטויב,
מעלה־גרהן ליכט
און זיינען הונגעריק...

וואַקלען זיך טראָגעדיקע ווייבער
אַראָפּ צום האַלב־טרוקענעם קוואַל,
וואַשן אוים זייערע „סאַרים",
זיי זאָלן נאָך ווייסער זיין;
און גייען אַהיים פולע
מיט האָפענונגען
און מיט נאַסע האָר;
ווען זיי דאָרט אַריינפלעכטן
רויטע סטענגעס;
אַנטקעגן טראָגן די מענער ליידיקע טעפּ.
און ביי נאַכט,
ווען אַלע וועלן שלאָפן —
תפילה טאָן מיט גרויסע, גלאַנצנדיקע אויגן:
„פאַרבייט, פאַרבייט דאָס ליכט פון לבנה אויף וואַסער,
פאַרבייט, פאַרבייט דאָס ליכט פון לבנה אויף וואַסער..."

ה. געצעלטן

הויערן בלעכענע כאַטעס.
און די געצעלטן
ווי מיידלשע בריסט
אָטעמען טענות:
פון טעג וואָס פאַרגייען,
פון ליבע וואָס וויאַנעט,
פון יוגנט וואָס בלעטערט
זיך אָפּ — הוי, אומזיסט,
אין אַרומיקן וויסט...

ו. גילגול

ראַנגון, קאַלקוטע, באַגדאַד,
און דאָ זייער תמצית — כפר עופר...
האָבן מאַמעס באַהאַלטענע שקאַטולקעס
מיט „אַמאָל איז געווען“.
שאַרן זיי אַרוים די אַמאָלן
פאַר יעדן אַדורכגייער —
זאָל ער זען, זאָל ער זען...
ליגן די פאַרשטויבטע קאַרטלעך
אויפן בעט
און אָטעמען ליכט.
און די מאַמעס,
פאַררייטלטע,
מאַכן צו רעכט זיי די קנייטשן :
אָט אַזוי בין איך געווען,
ראַנגון, קאַלקוטע, באַגדאַד,
און דאָ זייער תמצית — כפר עופר.

ז. צו אַ בלעכענער כאַטקע

כאַטקע קליינע
פון אַלע ווינטן אַדורכגעבלאָזענע
און פון רעגנס צעווייקטע —
וועלכער מלאך
האָט דיר אַ שנעל געטאָן אין נאָז
און דיך אַוועקגעשטעלט אין איין ריי
מיט גילדענע קעלבלעך,
און מיט שרייענדיקע קעפּלעך
פון צייטונגען?

אַז דיינע בלעכענע ווענט
זענען אפילו צו שוואַך
דעם הימל אויסצוהאַלטן,
און פון דיינע הינערשע פיסלעך
קאָנען נאָר משוררים נהנה זיין
ביים אויפבויען זייערע וואַקלדיקע
קינה־לידער?...

האָט אפילו ניט לבנה
אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן,
ווען זי קריכט צו דיר אַריין...
און דיין אַלטער צעפּרעסענער שטול
האָט שוין אין גאַנצן אויסגעדרייט
זיין נאַקן,
וואַרטנדיק אויף משיחן —
און ער קומט ניט...

זוך איך ניט איין מאָל
דעם וואונדערקוואַל
פון וועלכן דו שעפּסט אַרויס
דיין כוח הנסתר;
צי איז עס אפשר דאָס פּרימוסל
וואָס זומערט אַרויס פון זיין ווינקעלע
— אַ פלאַמענדיקע נשמה —
און לאָזט דיך ניט אויסגיין?...

שפרייטן דאָך אפילו די שפּינען
ניט אויס מער אויף דיר
זייערע זילבערנע האָפענונגען;
און דער רעגן טייטלט שוין וואָכן־לאַנג
אַרום אויף דיין נאַקעטן גופל
מיט טויזנטער אויסרוף־צייכנס:
חזק!

לייענען פון דיינע נאַסע שייבלעך
חמורים אַראָפּ אַן אבל־ליד.
אָבער דו —
פון וועלכן ספר לייענסטו אַרויס
דיין גבורה
אויפצושיינען יעדער מאָל פון דאָס ניי
ווי אַ זון,
ווען דער טאָג קומט?

ח. קידוש־לבנה

וועןָ לבנה גייט אויף,
טרינקט זי אוים דאָס וואַסער
פון אַלע ברינעמער
און פילט אָן די עמערס
פון די שואבי־מים...

ליגן סטעזשקעס
מיט גרינע אויגן
ווי יאַשטשערקעס,
וואַרטן אויף גייערס.

און געהאַלדזטע
אין סגי־נהורישער פרייד,
איינגעוויקלט אין זילבערנע טליתים,
שאָקלען זיך שיכורע כאַטעס:
קדוש, קדוש, קדוש.

ט. מלווה־מלכה

אָוונט פיבערט רויט אויף שויבן...
דער הייליקער שבת גייט אַוועק.
באַלד וועלן ווידער דונערן אין אונדז
די שטיינער פון סמבטיון...

פלעכטן איין זיך הענט און פיס
און ווערן שאָטן.

נאַכט טובלט זיך אין אויגן —
ווערט נאָך מער נאַכט.

זאָג, האָט לבנה ניט אויסגעטרונקען
אויך די גאַל פון סמבטיון?

גרין און דערשראָקן קריכט זי אַרויס
פון אונטערן באַרג...

און מיר זענען הונגעריק, האַר!

י. חאַמסין

טרינקט לבנה זיך
אין נעפּל פון חאַמסין —
ווערן אַלע כאַטעס חסר־דעה.
טוען אויס פון זיך די גשמיות
ווי אַ פעל,
און נאַקעטע, אין שפּיגלענדיקן ליכט,
ווילן אַוועקשפּאַנען...

האַלטן זיי צוריק:
דער סקריפּ פון בעטן
און די ברענענדיקע אויגן פון פרויען...

האָבן אַלע ציפּרעסן
אַ זילבערנע נעסט אויפן קאָפּ
און אין יעדער וויגט זיך
ווי אַ נײַ־געבוירן קינד —
לבנה...

שיילט ירושה
אירע בריסט אַרויס פון סאַרי
ווי צוויי יאָדרעס:
הוידען זיך אַזוי פיל
האָפענונגען אויף ביימער...
וואַרט זי.
נאָר עס קומט ניט קיינער
אויסטרינקען דעם חאַמסין
פון אירע אויגן...

צ ע ר   ג י ד ו ל   ב ר ו י ט

א. בעקערם

בעקערם מיט מאָדנע טויבן אויף קעפּ,
וואָס איר קייקלט אַריין די ווייסע לבֿנהס אין אויוון
און אייערע פּנימער באַגיסן זיך מיט גלוטיקן ווײַן —
זשעדנע ווי איר בין איך היינט אויסצולעקן די זאַטקייט
מיט פּוכיקע פונקען פון פרייד;
זשעדנע ווי איר
אויסצושפּריצן ציקלאָפּישע שאָטנס.
און מיט שטאָלענע זשאַריקע הענט
אין שגעון פון יצירה
אויסשיילן דאָס לייב פון זיין הויט
און אים מאַכן פלאַמפּייער...

נאָך גליט אין מיר משקה-געזאַנג
פון דער מאַמעשים ברויט — דאָס ברויט פון די בריסטן;
נאָך פינקלט פון בעכער אַרוים מיר דאָס ברויט
פון קידוש לבֿנה.
אָבער אייער ברויט איז דאָס ברויט פון מיין פלייש,
איז דאָס ברויט פון מיין בלוט.
מיט אָפענע דלאָניעס וועל איך עס האַלטן ביי מיינע ליפּן
און אויסטרינקען שטייענדיקערהייט,
און דער לחיים וואָס איך וועל מאַכן
וועט זיין דער לחיים פון דורות...

ב. דער טיש

געצעלטן פון מיין היים!
אַרויסגעשאַרטע פונעם שוואַרצן אויוון — ערד
ווי ניט־דערבאַקענע, אין איילעניש פאַרזעצטע.
הוי! וויפל צער גידול ברויט
אָטעמט איר שטיל אַרויס אין אָונטיקע שעהן,
ווען טאַטעס מעסטן אויס אויף אייך די שאָטנס
פון ווייב און קינד און וויינענדיק וויגל;
און וויפל צער גידול היים
טרערט שטיל אַראָפּ פון אייך דאָס חלבנע ליכטל,
ווען גרויסע האַנט פון מאַמען
שניידט און שניידט
דעם לאַבן ברויט
אויף הונגעריקן טיש
און שניידט און שניידט
און קאָן זיך ניט דערשניידן ביזקל זאַטקייט...

ג. המוציא

מײן לאָבן ברויט,
מײן קלײנער לאָבן ברויט —
דער תּמצית פֿון אַ קײלעכדיקן טאָג
פֿון האָרעװאַניע —
דיך פּיקן קינדער װי די פֿײגל
פֿון מײן האַנט,
דיך שמײכלען מאַמעס שטיל אַרײן אין בוזעם,
װען ס׳פֿאַלט צו די נאַכט,
און דיך, פֿאַרגילגולט אין מײן מערבֿדיקער תּפֿילה,
— אַ של־יד פֿון ברויט —
טראָג איך מיט שװערע הױקערדיקע טריט
אַרײן אין אוהל,
צינד אָן דיר אױפֿן טיש
אַ װאַרעם אױג
און אַלע שאָטנס בײגן זיך צו הערן,
װי כ׳שעפּשע שטיל אין זיך אַרײן
פֿאַרשעמט
על דעת הונגעריקן גוף
המוציא...

ד. הונגער

מיין ליד צום הונגער,
וואָס מיר גאָפּלען אים אַרוים
פון אונדזער לעבן
יעדן טאָג
מיט צער גידול ברוּיט.
די גרויסע גאָטספּאָרכטיקע זיידעס
האָבן זיכער ניט געמיינט דיין שרעק,
בשעת זיי פלעגן
קלינגענדיק פון אַטלעס
אַרויסוואָראָזשען דיך
פון טעלערל פון הימל
און דיך צעגיסן בלייך
איבער די דעכער
פון סודותדיקער הויקערדיקער שטאָט.

און אויך די טאַטעס,
פליענדיק מיט קוישן איבער מערק,
האָבן דיין יאוש
זיכער ניט געמיינט,
בשעת זיי פלעגן דיך
אַרויסוויינען פון ברוקן
מיט „קויפט־זשע בייגעלעך"־געזאַנג,
צעדריווולען פוסטע טראָטואַרן,
און אונדז געלאָזט ירושה
לעכער
לעכער
לעכער...

גאָפּלען מיר דיך אַרוים היינט,
מיר, די זין,
ניט מיט געקרויזט געזאַנג,
אויף װעמעס צוואהדיקע טרעפּלעך
דו האָסט זיך זאַט געמאַכט,
געוואָרן שררה;
ניט מיט פּוסט־און־פּאַסטע גאַסן
וואָס האָבן אויסגעטומאהט מער און מער
אין אונדז
דעם אומעט און דעם תמיד
פון אַ שעה.
דער אַטלעס פון אַ גליענדיקער זון
גיסט אונדזער פּנים אָפּ מיט שווייס,
און היימען שמייכלען וויים אַרוים פון דר'ערד,
בשעת מיר בייסן פינגער איין אין דיר
און גאָפּלען דיך, מיט צער גידול ברויט,
בגוואַלד
אַרוים פון לעבן.

ה. קאָן זיין

קאָן זיין, אַז דאָס זינגען אין מיר איז נאָר אָפּגלאַנץ פון ברויט,
אַז מיין אויסגליען קלאַנגען ביי נאַכט נאָר די בענקשאַפט
נאָך זאַטקייט.
קאָן זיין, אַז אין אויוון פון צייט,
וואָס אין מיר כ׳האָב צעברענט,
הענגט גאָר שוואַרץ יום-הדין,
צאַנקט אומזיסט דאָרט מיין גאָרגלקנאָפּ אום
און זוכט שפּיניש זיין תיקון.

און אפשר דערפאַר איז מיר נעענטער דער נאַקעטסטער שטיין,
דאָס קלענסטע געצעלט איינגעוואָרצלט אין מיר ווי אַ תפילה,
זע איך אויפגיין אין איטלעכן זאָמען אַ היים.
און פון מידן צעאַקערטן טאָג,
דעם מיט דלות פאַרבויטן,
פליק איך אָפּ אַ פּאָר סנאָפּעס מיט פרייד
און פאַרהייליק זיי —
ברויטן...

מ י ד ב ר

א

האָבן דריי הונדערט שאַקאַלן
זיך צעלאָזט איבער די פעלדער
מיט דער ווייטיק — פלאַם אין עקן
מיט אַ פלאַם אויף האָריזאָנטן.
האָט געפלאַקערט ערד און הימל
און געברענט האָבן די גרונטן;
טיף פאַרוואָרצלטע אין שאָטנס
האָבן קראָטן זיך געוואָרפן,
אויסגעשטרעקט די בלינדע אויגן,
גרודעס שרעק אין נאַכט צעשויבערט...
זיינען שלאָפנדיקע אייזלען
אויפגעשפּרונגען אין בהלה,
מיט צעפלאַטערט־רויטע גריוועס —
פּאַדקאָוועס געשפּריצט צום הימל.
קעמלען מיט צעפּלאַצטע הויקערס
זיינען שאָטנדיק געפלויגן
נאָכגעיאָגט אַ סטאַיע רויך —
און אין רויכן אויסגערונען.

האָבן כאַרכלדיקע קוואַלן
אויפגעעפנט רויטע מיילער,
רויטע מיילער אין שגעון,
אויסגעשטרעקט די קוסטעס פינגער.

ווער האָט דעמאָלט אויפגעקליבן
ס׳טרעשטשען פון צעגליטע סקאַלעס,
ס׳פישטשען פון די פייער־פייגל ?

האָבן אינעם בלינדן וויכער
סאַזשעדיק אַרומגעפלאַטערט
הענט און קולות, ווייסע סאַרים,
זיך געדראַפּעט צו די הימלען,
צו דעם רויטן פייער־גאָרטן...

ניט געסטאַיעט האָט דער הינד מער
אירע צאַפּלדיקע גלידער,
ניט דעם פּלישתּי זיין כּלי־זין.
פונעם הינערפּלעט דערשטיקטע
זיינען בערג געוואָרן רויך —
אויפגעצאַנקט ווי שוואַרצע מעוועס.
האָט אַ רויטער ים פון גישטער
איינגעשלונגען תּל־קדייראַת,
אויסגעטריקנט די חצרים;
אַש געוואָרן פון די קוואַלן,
אַש און זאַמד אין געלן גליוווער;

און פון דעמאָלט אָן איז מידבר...

ב

כוואַליעם ליכט אויפֿן ווייטן נגב.
מיינע קאַנען מילך גייען ווידער איבער:
קאַנען פֿול פֿרייד, ווייסע קאַנען פֿול שטיבער...

גיס איך זיי אוים איבער גרינעם מאַסלול,
זינג זיי פֿונאַנד איבער עציון גבר:
לידער פֿון מילך איבער דורות פֿול זשאַווער...

ג.

ווער האָט אין רערן געשפּאַנט דעם ירקון?
ליכט אין די רערן — מיט מילך כ׳פּיל זיי אָן!

ווער האָט מחילות צעברענט אינעם ירדן?
מילך אין מחילות — באַלזאַם אין ירדן!

שפּראָצט ער אַרויס אין ברייטן פּאַרזיי,
פּאַרגילגולט אין כּאַטעס דעם חרמונער שניי,

קניפּט צו מיט טראַקטאָרשע קייטן די פּליינען
און שלעפּט זיי אַראָפּ: זאָלן גרינען די היימען

פון נגב, וואו ער — אַ פּאַרכלינעטער שטראָם,
צעקושט זיך מיט רערן — דאָרט שטיפט דער ירקון...

ד

האָב איך פון כעלעם געבראַכט מיין לבנה.
אָפּגעריבן זי ווייס, ביז בלישטשען און בלאַנקען,
און פון ס'ניי זי צעבליט איבער וואַלד פון געדאַנקען...

איז לבנה געוואָרן אַ זילבערנע כאַטע,
אַ פּאַספּאָרדיק ברויט, אַ קוואַליקע אייטער.
ביז דער קעמל אין איר האָט געטריבן מיך: ווייטער...

ה

בליט מיר אַנטקעגן דער מידבר ווי שניי.
די שטיוול אויף פּלייצע. איך גיי און איך גיי.

זאָל זיך חלילה דער שניי ניט פאַרפּלעקן
מיט שאָטן פון גוף, מיט אָפּצאַסן פון שטעקן —

הייב איך די אויגן אַרויף צו דער נאַכט:
אַ לבנה שווימט אום דאָרט, לבנהשע פלאַך.

און פּלוצעמדיק גיט זיך איר פלאַך אַ צעפּלעמל:
לעבן מיר, אין שנייאיקן זאַמד, שטייט אַ קעמל...

ו

מידבר — נידעריקער ווי גראָז,
און אימהדיקער ווי די לבנה — דיין שפּיגל.
אַלע מיינע כּעלעמער חלומות צינד איך אָן אין דיין פלאַך
און וויל דיך זען גרויס, גרין און שפּראָצנדיק
פאַר יונגקייט...
זע, אַלע מיינע ציגן זיינען אַראָפּגעשפּרונגען
פון די חרובע דעכער
און רינגלען דיך אַרום;
אַלע שטענדערס פון קלויז
האָבן אויסגעדרייט זייער פּנים
און קוקן אין דיר אַריין.
אויף וועלכע שליטנס ווילסטו אַוועקפליען
מידבר, מידבר!
אַז דער שמש מיטן שטריימל איז ניטאָ
און די הויקערדיקע גאַסן — ניטאָ
און נאָר איך אַליין בין געבליבן,
איך זאָל דיך
וועקן
ביי נאַכט:
מידבר, מידבר...

קעמלען

דאָ ליגן זיי. דערטרונקענע אין צייט.
נאָר זייערע הויקערס שטאַרן אַרוים פונעם זאַמד,
און מיר רופן זיי דיונעס...

הוי! וויפל דורות האָבן זיי אַריבערגעטראָגן
פון האָפענונג צו האָפענונג,
שיפן מיט קלוגע אויגן אין קעפ
און מיט שווערע טאַטישע טריט...

מידע פלעגן זיי צופאַלן צו די קוואַלן,
וואו שוואַרצע בעדואינישע רבקהס
האָבן געשעפט דאָס גאָלד צו זייערע חלומות;
... פלעגן זיי טרינקען, טרינקען, טרינקען,
ביז זיי פלעגן אויסטרינקען אויך די זון...

זייערע בייכער האָבן מלחמה געפירט
מיט חאַמסין, הונגער און ברענענדיקע ווייטקייטן;
ניט איין מאָל פלעגן זיי לויפן מיט אויסגעשפּרייטע נאָזלעכער
דעריאָגן דעם שאָטן פון מיראַזש...
און זיי זיינען דאָך אַליין געווען
שאָטן, חופה, דאַך און געצעלט
און דאָס וויגעלע
פאַר דרייסטע, שוואַרצאויגיקע שאָטן-רייטער...

צוגעבונדענע צו לאַנגע קאַראַוואַנען
פלעגן זיי זיך וויגן
איבער די זילבערנע סטעזשקעס פון לבנה
— אַ לעבעדיקע בריק פון איין כאַן צום צווייטן —
נישטערן שטערן ביי נאַכט
און זוכן נאָך היינט
דעם שאָטן פון זייערע פוסטריט —
אָבער איינגעזונקען זיינען זיי אין דער צייט
צוזאַמען מיט די כאַנען,
צוזאַמען מיט די דזשאָרנעס און צאַנקנדיקע ליכטלעך...

... און נאָר די הויקערס זיינען געבליבן...

מיין ליד

יידן פון דזשעדאַ, מחנה-ישראל, בית-ליד,
איך זינדיק נאָך אַלץ, ווען איך שפּיגל זיך אָפּ אין אייך: ייד.
ווען געקומען איך בין מיט מיין וואָרט און מיין וואָרט האָט געגליט,
נאָר זיך אַליין אָפּגעברענט האָט די צונג — קיין אַנדערע ניט...

ווען געקומען איך בין אויפן שליאַך מיט מיין מילך, מיט מיין טרייסט,
און דער שליאַך האָט געשמייכלט זיך פרעמד: וועמען אַרט וואָס דו גייסט,
ניט באַדאַרפט האָב איך זינגען פאַרבלענדט: ווי דו אַלעפ׳סט און בית׳סט
זאָל זיך הייבן דיין פּאָן און דיין פויסט, זיי געטרייסט, זיי געגרייסט.

ווייל ס׳האָט שליאַך זיך צעשפּאָלטן אויף געסלעך און געסלעך ווי הינט
אַנטלאָפן צוריק צו די היימען, צו די ליכט-נאָרעס זינד;
נאָר די אויגן זיי האָבן אַרויסגעשטעקט שפּיציק-צעגרימט
און געשטשירעט די ציין אין הנאה מיט ווייב און מיט קינד...

איז וואָס זאָל איך טאָן איין־אַליין אויפן שליאַך, וואָס איז פּוסט,
מיט די מילך־קאַנען טרייסט, וואָס איך האָב זיי געשעפּט פון מיין ברוסט,
מיט די מילך־קאַנען טרייסט, וואָס איך האָב זיי שעפּן געמוזט,
ווי די זון שעפּט איר פייער פאַר נאַכט פון אַ סנהאיקן קוסט?...

אַז מיט מיר גייט ניט קיינער, ניט קיינער — אַז מידבר אַרום;
דער מידבר פון גאָרנס און גאָלד און פון שטעט אין פאַרפּוּם,
דער מידבר פון שטעכן־דאָס־אויג — ווען מ׳איז בלינד פון דער זון.
און נאָך גרעסערער מידבר: פון זיין און ניט וויסן דערפון...

...אַנטלאָפן זיי זיינען ווי הינט און געלאָזט מיך אַליין,
שואב־מימדיק מיד אויפן שליאַך, שואב־מימדיק קליין;
מיט קאַראָמיסל טרייסט אויפן קאַרק קעגן וואַנט פון געוויין,
וואו יעדע טרער איז אַ ניצוץ, יעדער ניצוץ אַ שטיין...

זאָל איך פליען קאַראָמיסל־שווער ווי אַ קראָ?
אויסזעצן מיט פייסט אויף דער זון דעם ווייזער פון שעה?
אַז אפילו כ׳זאָל שעפּן ביז בלוט און אפילו ביז דנאָ —
וועל איך אויך ניט קענען פאַרלעשן די וואַנט, וואָס איז דאָ...

רמת־ישי

ווער איך אַנוואַרעמען מיין האַרץ אין רמת־ישי.
אין רמת־ישי רעגנט, אין רמת־ישי איז קאַלט.
ווער איך אַנוואַרעמען מיין האַרץ אין דער קעלט.
אַזוי פיל חלומות פליען פאַרביי אויפן שליאַך
און קיין איינער שטעלט זיך ניט אָפּ,
קיין איינער שטעלט זיך ניט אָפּ...

ווער איך אַנוואַרעמען מיין האַרץ אין רמת־ישי.
גיין אויף די בלאָטיקע סטעזשקעס
און אויפסיליען דעם קוק פון די קינדער.
הוי, אַזוי פיל קינדער שטעקן אַרוים די קעפּ פון די געצעלטן,
נישטערן מיך אַדורך לאַנג־לאַנג —
ביז איך שעם זיך...

ווער איך אַנוואַרעמען מיין האַרץ אין רמת־ישי.
זיי זאָגן, אַז דו ביסט שוואַרץ,
און איך זע נאָר די וואונדן וואָס בליען אַרוים פון דיין גוף
— קליינע האַרטע מטבעות פונעם דור־הפלגה —
און אַלע זיינען זיי רויט...

רמת־ישי, רמת־ישי
וואָס איך וויקל דיך איין אין מיין ליד,
נאָר מיין ליד איז צו קורץ
און דיינע פּיס שטאַרצן שטייפע און פרעמדע אַרויס
ווי בר־מיננס...

וועל איך אַנוואַרעמען מיין האַרץ אין רמת־ישי.
שטרויכלען איבער דיינע שאָטנס
און איינשלינגען צוזאַמען מיט די הינט
דיין פאָספאָרדיק מיסט;
אין וועלכן גילגול זיינען זיי דיינע הינט,
וואָס זיי שטייען טונקעלע איבער דעכער
און בילן אַרויס פון אונטער די כמאַרעס
אַ גרינע, איבערגעשראָקענע לבנה?

רמת־ישי, רמת־ישי
מיין פּנים אין דיר, מיינע אויגן אין דיר...

כאַטעם אין רעגן

קליינע כאַטעם —
ווען עס רעגנט אויף אייך אַראָפּ די ברכה,
נאָר איר זענט גראָ און דערשראָקן
און קענט די ברכה ניט אויפנעמען...

שייבלעך געקנייטשטע פון דאגות —
ווען דער רעגן רינט אויף אייך אַראָפּ,
און איר ווערט אַלט
און עלטער
און איינגעבויגן...

וויפל טרערן
האָב איך אויסגעשעפּט פון אייערע דילן!
נאָר וויפל זיינען נאָך געבליבן הענגען
אויף די וויעס פון אייערע נאַפּטלעמפּלעך...

יעדן פאַרזשאַווערטן טשוואָק אייערן
האָב איך איינגעוויקלט אין גאָלד —
און דער ווינט האָט אים אַרויסגעריסן...

מיין ליד צו אייך און צו אייער
אָפּגעריסן ברעט,
דורך וועלכע שוואַרצע אויגן
פון קינדער
קוקן אַרוים אין דער גרויסער וועלט...

כאַטעס, כאַטעס
מיט אייערע אונטערגעבונדענע באַקן
און מיט די דעכער
וואָס רוקן זיך טיפער
און טיפער
אַראָפּ אין די אויגן...

דזשעמאַל

הויקערדיק, אויף לאַמער פּרדה,
רייט אַרום ער אין קוואַרטאַל.
ר׳איז דער עלטסטער פון זיין עדה
און זיין נאָמען איז דזשעמאַל.

זיבן ווייבער אינעם האַרעם
האָט ער, און דיוואַנען אויך.
קניט אַ גאַנצע עדה פאַרן
קוק זיינעם און פאַר זיין בויך.

נאָר ווען ס׳ציטערט דער נאַרגילעס
עק אין זיינע ווייסע ציין,
ווייס די גאַנצע וועלט — איך פיל עס —
אויפן שוועל זיצט גאָט אַליין...

דער לערער משולם

אין די ליכטיקע נעכט
פון קיבוץ-גילגולים,
שלאָפט עפּעס זיך ניט
דעם לערער משולם.
אין אַזאַ נאַכט,
ווען פון גאָלד יעדער פּרט איז,
שפּאַנט ער אַרום צווישן בלעכענע כאַטעס,
קלאַפּט מיט אַ שטעקעלע,
ציט מיט אַ ניגון —
ווער ווייס?
אפשר הערן אויך יענע וואָס ליגן
צונויפגעפּרעסט ענג אויף די בעטן און שלאָפן?
(אַ פאָלק אַ משונה אַזאַ:
האַלט ניט אָפּן
קיין פענצטער אפילו.
ער וועט זיי דאָס זאָגן.
..איי הערן מען וועט ווי דעם נעכטיקן טאָג אים!

פאַרריכט אויף דער נאָז זיך די גרויסע שפּאַקולן
דער קליינער מלמד.

...איז נאַ דיר גילגולים!
נאַ דיר שוועסטער און ברידער גאָר!
פילט ער ווי וואָרעם
ס׳ווערט אויפן האַרץ אים.
אָט שטייט ער איצט פאַרן
בן־יחיד דעם לול,
פאַרן הינערשטייג כלומר,
פרעגט זיך: איז וואָס?
ניט געווען איז קיין חומר,
האָבן קינדער צונויפגעשלעפּט
ריטלעך און דרענגלעך,
ביז געוואָרן אַ שטייגל.
אמת, דאָרט ענגלעך.
נאָר די ליבשאַפט איז גרויס
צו דעם צענדליק באַוואוינער.
אויב מיט הינדלעך אַזוי —
טאָ מיט זיי קל־וחומר...

רייבט זיך די הענט
דער לערער משולם.
...און אפשר גאָר
זענען עס טאַקע גילגולים?
אפשר אין ד׳ אמות באַשערט אים
צו זיין אַט מיט דעם,
וואָס געוועזן ר׳איז ניט ווערט אים?
(פלעגט דער טאַטע אים זאָגן:
העי, יינגל! העי, יינגל!
הלוואי שטראָפט אונדז גאָט
מיט אַ בעסערן גילגול!)
קאָן זיין
אַז נחמיה, נחמיה דער חלוש
איז אַ גילגול פון טאַטע אַזאַ
און זיין קול איז
פאַרשטויבט נאָר פון דרך...
לאַכט דער מלמד:
...און געקייקלט זיך קול
אַזוי לאַנג ביזקל וואַנעט
געוואָרן ר׳איז מיתה משונה —
אַ גרעגער!

גיט אַ צופּ אים ביים האַרצן:
אַליין אויפן וועג ער
געוועזן דאָך ניט לאַנג ערשט;
איז אפשר פאַרביטן
האָט זיך אויך זיין לשון,
הענגט ער איצט מיט אים
ניט היך־און־ניט־הער,
מאַכט אַ גילגול־פּרקמטיה
צווישן גלות „שכנוז"
און גלות סמבטיון...

...דרייט אַרום זיך משולם
דער קליינינקער לערער.
דער קאָפּ איז אים דער קאָפּ איז אים גרינג,
נאָר די פיס אים פיל שווערער;
מיט היסח הדעת
געקאָנט ר'וואָלט באַנעמען
דעם ניגון פון וועלט,
נאָר דער ברכת הניהנין
איז ווייט נאָך, הוי! ווייט...

און דערווייל זענען כאַטעם
פון זילבערנעם בלעך דאָ;
פאַרגילגולטע טאַטעם
מיט לבנה אויף נאַקעטע לייבער;
און קינדער;
און דער לול, דער בן־יחיד,
שפּיגלט זיך אין דער
קאַלוזשע פון דאָרף;
און דער כּרמל פון צפון.

און די נעכט זיינען ליכטיק אַזוי —
אַז עס לאָזט זיך ניט שלאָפן...

ש נ י י

א

מיינע זילבערנע קאַנען טוען מיך ווײ.
פאַרטריקנטע הענגען אַראָפּ זײ ווי קאָרעס
מיט לבנהשער שרעק פון וואַלד טשערניגאָרעס...

שפּיגלט מײַן פּנים זיך אָפּ אינעם וואַלד.
די קאַנען ווי זעק. אין פאַרגליווערטע אָרעמס
מײַן געשאָכטענער גוף פון מאַינץ און פון וואָרמס...

ב

טרייסל איך אַפּ מײַנע הענט ווי פון שלאַנג.
מײַנע קאַנען מיט מילך זײַנען גלאַז, זײַנען קלאַנג.

הייבן זיך קאַנען ווילד אַן צו דרייען
די וואַרעמע מילך — אַ וויכער פון שנייען.

שטרעק איך דעם וויכער אַנטקעגן מײַן האַנט —
די קאַנען ניטאָ מער, מײַן וועג איז אַ וואַנט...

ג

איינזאַם
אין טיפע ברינעמער שרעק
זע איך לויפן מיין ברודער,
מיין ברודער איז שניי.

שטרעק אויס דיין שוואַרצן אָרעם,
טייגע!
לענאַ,
פאַרגליווער דיין גאַנג!
אין רויטער אונטערגייענדיקער זון
גייט אונטער מיין ברודער.

שטעט פון אייראָפּע,
טייוול, מענטש, הונט,
כאַטע, וויינענדיק ווייגל!
איינזאַם
אין טיפע ברינעמער שרעק
דערטרונקען אין וויוגע —
מיין ברודער...

שאָטנס
מיט טונדרע אין אויגן
און מיט בלאָע הילצערנע הענט.

ווי האָט אייך געמוזט ווייטאָן דער וועג,
ווען שניי האָט אייך אַרומגעוויקלט,
— אַריינגעוויקלט
ביז איר זייט
אין זיין שפּינוועבס
אויסגעגאַנגען!

מיט בלינדע פינגער
האָט איר געפּרואווט אַראָפּקראַצן
די קליינע זילבערנע זון
און זי צוטוליען צו אייער האַרץ.
נאָר אויך זי איז געווען שניי...

זייט איר אַריינגעפּרוּירן אַזוי אין דער נאַכט
מיט בלאָע שטערן אויף די ליפּן
און אויגן פאַראייזטע
מיט יאָדלעם און מאָך.

שטיי איך איבער אייך
מיט לבנה אין האַנט
און מיין אָטעם ווינט איבער אייך אַראָפּ
שטומע,
קרישטאָלענע
זיילן מענטש...

פאַר נאַכט

באַראַקן. גליק און אומעט, צאָרן און נביאות.
ציפּרעסן פענדזלען אוים רויט־פענצטערדיקע שקיעות...

בלאָע בערג אַרום. ווי זיידעס. מנחה און מעריב.
ווינקן מיט קדושה צו דעם דאָרף, זיינען מקרב.

קנוילט זיך שטויב און גאָלד אין ציטערדיקן ניגון.
קלאָגט אַ גאַנג אַרוים זיין צער דעם ניט־היגן.

שאָטנס טאַנצן. הינט. די ריטשקעס גאָלד פאַרשווינדן.
זיבנבעטיקע באַראַקן שטויסן זיך ווי בלינדע.

פלעמלט אויף אַ האַנט אין נאַכט. צוויי אויגן בלאַנדזשען
אַרום אין עיגול שיין. דאָס פּנים — בראָנדזן.

דאַרע בערד פון טאַטעס. ווייבער. קינדער אויף די בעטן.
קאַפּטילקעס טשאַדען אוים אַ נעץ פון הינערפלעטן.

אין דרויסן פינקלדיקע שטערן איבער כאַטעס לייענען
לאַנגאָניקע מגילה פון אַ פאָלק. משיח. ראובני.

זון, לבנה און שטערן

זון לבנה און שטערן,
זון לבנה און שטערן —
אַ ניי קינד איז געבוירן געוואָרן
אינעם בלעכענעם באַראַק.
אַ ניי קינד שטרעקט אוים זיינע דינע הענטלעך
צו די שפּאַרעס, דורך וועלכע איר קריכט אַריין.

נעמט אים אַרום!
וויקלט אים איין אין אייערע ווייסע ווינדעלעך —
ווייל קיין אַנדערע האָט ער ניט.
קושט אים אוים זיינע שוואַרצע אויגן —
עס זאָל קיין טראַכאָמע אויף זיי ניט אָנוואַקסן.
גיט אים צו טרינקען פון אייערע בריסט —
דער מאַמעס זיינען פון לאַנג איינגעדאַרט.

קאָן זיין, אַז דאָרט, אינעם בינטל שמאַטעס,
ליגט משיח,
קאָן זיין, אַז אינעם בינטל שמאַטעס
ליגט דער אויסלייזער פון דער וועלט...

צו אַ בוים

מאַמעס הענגען אויף דיר אוים די נאַסע ווינדלען:
קאַרבט יעדער גלות איין אין דיר זיין ספר-הזכרונות
אין אַ באַזונדער שפּראַך. און טאַטואירט מיט קללות
שטעכסטו דיין נאָדלדיקן גוף אַריין אין הימל...

בליסטו מיט יאַשטשערקעס, מיט מאָך און געלע וואונדן.
ביי דיינע טרערנדיקע ריפּען פּוילן פּניאַקעס
ווי זשאַווערדיקע ציין. און שטיקער הימל
סקאַליען די ווייסלען זייערע צו דיר ווי מוטנע אויגן...

שינדט יעדער שטורעם פון דיר אָפּ אַ שטיקל לייב
און יעדער טשוואָק קריצט איין אין דיר אַ גסיסה...
נאָר ביים סיליען מיט שפּיזלדיקע פינגער
דעם גורל פונעם דאָרף
טוסטו אַ נייעם רינג אָן אויף דיין גוף,
ווערסט ניי,
ווערסט עלטער...

אינהאַלט

באַנטשע שוויַיג 9
די גאָלדענע קייט 13

וואַקסט איין כאַטע

א. (וואַקסט איין כאַטע, וואַקסט אַ צווייטע) . . . 17
ב. (אַ ווייסע כאַטע —) 18
ג. (מיין ליד צו די כאַטעס) 19
ד. (דו ביסט מיין היים) 20
ה. (אָט איז אַ כאַטע) 21
ו. (הוי, איך דער קעניג) 22

מיינע הענט 23
גייער צווים 24
סוד 25
משיח 26

אָדע צו דער קו

א. (טראָג איך מיין מילך־לבנה...) 29
ב. (שווערע מיט ריזיקע שאָטנס אויף אַקסלען) . . . 30
ג. (דאָס איז די תפילה צו שטאַלן...) 31

געזאַנג וועגן ל"ו קי

א. (אַרויסטרייבן כ'וועל מיינע קי...) 35
ב. (פֿאַרמאַכט ניט די טירן פֿאַר מיר...) 36
ג. (גוט איז אַ ביימל צו זיין...) 37
ד. (אַריינקלינגגען יעדן קאַיאָר...) 38
ה. (אַריינזייגן כ'וועל זיך אין אייך...) 39

לידער פֿון כּפּר עופֿר

א. אין די אַפּלען פֿון פֿאָלק 43
ב. דאָס ליד פֿון אַ שואבֿ־מים 44
ג. כּפר עופֿר 45
ד. וואַסער 48
ה. געצעלטן 49
ו. גילגול 50
ז. צו אַ בלעכענער כאַטקע 51
ח. קידוש־לבנה 54
ט. מלווה־מלכה 55
י. חאַמסין 56

צער גידול ברויט

א. בעקערס 61
ב. דער טיש 62
ג. המוציא 63
ד. הונגער 64
ה. קאָן זיין 67

מידבר

א. (האָבן דריי הונדערט שאַקאַלן...) 71
ב. (כוואַליעס ליכט אויפן ווייטן נגב) 74
ג. (ווער האָט אין רערן געשפּאַנט...) 75
ד. (האָב איך פון כעלעם געבראַכט..) 76
ה. (בליט מיר אַנטקעגן דער מידבר...) 77
ז. (מידבר — נידעריקער ווי גראָז) 78

קעמלען 79
מיין ליד 81
רמת־ישי 83
כאַטעם אין רעגן 85
דזשעמאַל 87
דער לערער משולם 88

שניי

א. (מיינע זילבערנע קאַנען...) 95
ב. (טרייסל איך אָפּ מיינע הענט...) 96
ג. (איינזאַם — אין טיפע ברינעמער שרעק) . . . 97
ד. (שאָטנס — מיט טונדרע אין אויגן) 98

פּאַר נאַכט 100
זון, לבנה און שטערן 101
צו אַ בוים 102

אין שאטן פון מולד
געשריבן אין ישראל אין די יארן 1948 ביז 1953
איז געווארן געדרוקט אין דער דרוקעריי פון
יוסף שעכטער אין פאריז אין יאר 1954
אין 1500 עקזעמפלארן אויף סופער-אפסעט-פאפיר.
געדרוקט - נפתלי מילנער.

M. YOUNGMAN

A L'OMBRE DE LA NOUVELLE LUNE, POÈMES

IN THE SHADOW OF THE NEW MOON, POEMS

(COLLECTION «YOUNG ISRAEL»)

ÉDITIONS «DI GOLDENÉ PAVÈ» PARIS

COPYRIGHT 1954 BY «DI GOLDENÉ PAVÉ» PARIS
AND M. YOUNGMAN — TEL-AVIV (ISRAEL)

PRINTED IN FRANCE